יודען, געדענקט די רדיפות אויף אייערע ברידער אין דייטשלאנד

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 15 גראשען

היינט 8 זייטען

# נייעס פאלקסבלאט

№ 164 | Łódź, Poniedziałek, 17 lipca 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, מאנטאג, כ״ג תמוז תרצ״ג | № 164

אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל. 224-71 — Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71.


# ענטוואפנונגס-קאנפערענץ אין סכנה

## הענדערסאן פאהרט צו היטלער׳ן פארערן. אז דייטשלאנד זאל זיך 10 יאהר נישט בעוואפענען

ל א נ ד א ן, 16 (ספ. טעל.)

הענדערסאן, וועלכער געפינט זיך איצט אין רוים פאהרט ארויס קיין בערלין, כדי צו פערשטענדיגען זיך מיט היטלערן, און ארויסקריגען פון איהם א פערפליכטונג, אז דייטשלאנד וועט זיך אויפהערען צו בעוואפענען אין משך פון די נאהענטסטע 10 יאהר.

ס׳איז וואהרשיינליך, אז היטלער וועט די פאדערונג אפווארפען, און אין פאל וועז הענדערסאנס פאדערונג וועט נישט בעפרידיגט ווערען, וועט ער, הענדערסאן היימט עס, רעזיגנירען פון זיין אמט, אלס פרעזעס פון דער ענטוואפענונגס-קאנפערענץ.

פון דעם מאמענט אן וועלען ממילא אלע פערמיטלונגען אין גאנץ פערענדיגט ווערען.

צו בויען ספעציעלע שווערע הויביצעס, און די ערהארדטס געווערהר־פאבריק אין צוגעטראטען מעכאנישע הארמאטען־פאבריק „ערליקאן" איז אריבערגעטראגען געווארען צוריק פון דער שווייץ קיין דייטשלאנד.

די אדורכשולונג פון רעזערוו־אפיצירען איז אין פילען גאנג.

5.500 געווען. אפיצירען פון דער קייזערליכער ארמעע זענען גערופען געווארען צו מיליטער־איבונגען.

די מאי־מאנעווראציעס אין דער רייכסווער זיי בען געווען אזוי צאהלרייך, אז מ׳האט אויסגעמיטען זיי צו פערעפענטליכען.

די אלע בעוואפענונגען שטרייטען איבער די נארמען, וואס זענען פאר דייטשלאנד ערלויבט געווארען דורכ׳ן ווערסאילער טראקטאט.

דער פעלקערבונד מאן פאדערט אין קאטעגארישער ווערטער, אז מען זאל צושטעלען גענויע שריט צו בעזייטיגען די בעדראהטע גרענעץ־לענדערן פון פראנקרייך.

## די מלחמה-צוגרייטונגען פון דייטשלאנד

פ א ר י ז, 16. (ספ. טעל.) דער פולק. מאן האט פערעפענטליכט אינ׳ם בעכטיגען „פטי זשורנאל" א סענסאציאנעלען ארטיקעל וועגען די בעוואפענונגען פון דייטשלאנד.

עס ווערען אין דעם ארטיקעל געבראכט א סך אומבעקאנטע פרטים בנוגע די דאזיגע בעוואפענונגען.

די פאסגען־פאבריק אין האמבורג, וועלכע איז בעקאנט פונ׳ם אויפרייס דעם 20. מאי 1928, ארבייט בייטאג און ביינאכט איבער׳ן אויסארבייטען גיפטיגע גאזען.

די טעקסטיל־פאבריקען אין זאקסען און טירינגען האבען דערהאלטען גרויסע בעשטעלונגען אויף מיליטערישע מונדירען און פעלד־קאפעס.

די רייניש - וועסטפאלישע אייזען־אינדוסטריע ארבייט אויס פיבערהאפט פאנצער־פלאטען.

## 4 היטלעראווצעס דער׳הרג׳עט

### אוז 12 שווער פערוואונדעט בעת אנ׳אויטא-קאטאסטראפע

ב ע ר ל י ן, 16 (ספ. טעל.)

היגער גליוויץ איז א לאסט-אויטא, אין וועלכען ס׳זענען געפאהרען היטלעריסטען, ארויף אויף אנ׳עלעקטרישען קאבעל:

4 היטלעראווצעס זענען דערהרגעט געווארען.

דער אויטא איז צושמעטערט געווארען.

12 היטלעריסטען זענען שווער פערוואונדעט.

דער ארעסטירטער שאפער איז בעגאנגען זעלבסטמארד.


טעאטער
„סקאלא"

היינט מאנטאג, 9 אווענד
הנחה=פארשטעלונג

יודיש דראמאטיש טעאטער אין פוילען
„ווילנער טרופע"
אנפ. מ. מזאה.

# שריינצע

פעסירונג אין 9 רינגען פון סערניי טרעטיאקאוו. יודיש מ. מ. רעזשי יעקב ראטבוים. סצענישע אויספורעמונג שמעון סירקוס. קלאנגען-מענטעזש ה. קאן.

מארגען דינסטאג לעצטע פארשטעלונג. בילעטען צו בעקומען אין טעאטער „סקאלא פון 11–2 און פון 5 נאכמיטאג. מארגען דינסטאג לעצטע פארשטעלונג.

ציוניסטישע ארגאניזאציע
אין לאדז.

מיטוואך, דעם 19/7, 8.30 אווענד קומט פאר אין פארק „העלענאוו"

א פייערליכע הערצל=אקאדעמיע

פארק „העלענאוו"

מיט רעדעס פון די פראמינענטען פראמינענטען: דער עהרען-פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען פון רעליגיעזע און נאציאנאלע לידער דער אבערקאנטאר פון דער טלאמאצקער סינאגאגע אין ווארשא

דעפ. יצחק גרינבוים און דעפ. ד״ר י. ראזענבלאט.

משה קוסעוויצקי

אין מוזיקאלישען טייל וועט אויפטרעטען מיט א רייכען פראגראם

בײם קלאוויר: פר. ליכטערמאן=דאווידאוויטש.

פון 6 ביז 9 אווענד וועט דער לאדזער סימפאנישער ארקעסטער אונטער לייטונג פון דיר. טעאדאר רידער שפילען ספעציעלע יודישע מוזיק.

בילעטען צו 1.09 זל. צו בעקומען: אין דער ציוניסטישער ארגאניזאציע, שרודמיעסקא 29, „התחיה" פילסודסקיעגא 66, „תוצרת הארץ" שרודמיעסקא 3, אין דער צוקערניע פיעטריקאווער 12, גורין, נאוואמיעסקא 15, וויינבערג, נאוואמיעסקא 30 און אין טאג פון דער אקאדעמיע ביי דער קאסע פון „העלענאוו"

6 שטימט פאר זשאבאטינסקי׳ן פאר די רעוויזיאניס=טישע ליסטע נומ׳ 6 6

